משפטים תשפ"ו
גליון 272

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אִיךְ פָּאלְג, וַוייל אַזוֹי ווִיל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער!

מִיר הַאלְטְן אַ שַׁבָּת נָאךְ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ תּוֹרָה, דִי וָואךְ אִיז דִי תּוֹרָה מַאֲרִיךְ וֶועגְן דֶער מַעֲמַד וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים בַּארְג סִינַי.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כֹּ"ל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע (שמות כד, ז)' אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפֶּעדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט קוֹדֶם 'נַעֲשֶׂה' אוּן נָאכְדֶעם 'וְנִשְׁמָע'. ר' נָתָן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶעם פָּסוּק מִיט אַ וואוּנְדֶער, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טוּן עֶפֶּעס פַאר מֶען הֶערְט וָואס מֶען דַארְף טוּן? אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע זָאגְט פַאר זַיין קִינְד: "ווִילְסְט מִיר פָּאלְגְן וָואס אִיךְ גֵיי דִיר יֶעצְט בֶּעטְן?" אוּן דָאס קִינְד זָאגְט: "יָא, אִיךְ גֵיי עֶס שׁוֹין מַאכְן", נָאךְ פַאר דָאס קִינְד וֵוייסְט בִּכְלַל וָואס עֶר דַארְף טוּן, ווִיאַזוֹי קֶען דָאס זַיין? ר' נָתָן אִיז מַמְשִׁיךְ, אַז דֶער פָּסוּק לוֹיבְּט אוֹיס דִי אִידְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעפֶּעדֶערְט אוּן גְלַייךְ גֶעזָאגְט נַעֲשֶׂה פַאר נִשְׁמַע, אָבֶּער ווִיאַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין שֵׂכֶל אַזַא זַאךְ? טוּן אַ זַאךְ פַאר מֶען הֶערְט וָואס מֶען דַארְף טוּן.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט חוֹקֵר זַיין מִיט קַיין שׁוּם חֲקִירוֹת דִי טַעַם פוּן דִי מִצְוֹות, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶּער וֶועט זָאגְן וֶועלְן זַיי טוּן אָן פַארְשְׁטֵיין, אָן קַיין שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת, נָאר נָאכְן טוּן דִי מִצְוֹות קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין 'וְנִשְׁמָע', דָאס מֵיינְט פַארְשְׁטֵיין מִיטְן הַארְץ! רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַסַאךְ מָאל פוּן חֲזַ"ל אַז נִשְׁמַע מֵיינְט 'שׁוֹמֵעַ אֲנִי - אִיךְ פַארְשְׁטֵיי", אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶּער וֶועט הֵייסְן וֶועלְן מִיר גְלַייךְ מַאכְן, שְׁפֶּעטֶער וְנִשְׁמָע - אַז מֶען וֶועט פָּאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס מִצְוֹות אוּן מֶען וֶועט דָאס טוּן בְּשִׂמְחָה וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין יֶעדֶער לוֹיט זַיינֶע דַּרְגוֹת צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי מִצְוֹות.

דֶערְפַאר הָאבְּן דִי אִידְן בַּאקוּמֶען צְוֵויי קְרוֹינֶען, וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן דִי מִצְוֹות מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְרוֹין אִיבֶּערְן קָאפּ! דָאס אִיז דֶער חִילוּק פוּן אַ אִיד בִּיז אַ גוֹי, אַ גוֹי מוּז אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין מִיט זַיין שֵׂכֶל, יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶּער גִיבְּט זֵיי, זֶענֶען זֵיי חוֹקֵר, זֵיי ווִילְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי מְגַלֶּה זַיין אַלֶע טְעָמִים פוּן דִי מִצְוֹות וֶועלְן זֵיי אֶפְשָׁר דֶעמָאלְט אַיינְהַאלְטְן דִי מִצְוֹות, אָבֶּער דִי אִידְן מַאכְן אַלֶע מִצְוֹות מִיט אַ שִׂמְחָה. ווִי ר' נָתָן שְׁרַייבְּט, 'זִיכֶער אוֹיבּ דִי גוֹיִם וָואלְטְן גֶעזֶען דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי מִצְוֹות, ווִי יֶעדֶע מִצְוָה שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן אוּן דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט, הֶעכֶער פוּן אַלֶע הַצְלָחוֹת אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער פוּן דֶעם, זִיכֶער אִיז נִישְׁטָא דֶער וָואס אִיז אַזַא שׁוֹטֶה אוּן טִפֵּשׁ וָואס ווִיל נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַזַא וואוֹילְקֵייט, אַזַא זִיסְקֵייט, אַזַא נִצְחִיּוּת בִּפְרָט אַז מֶען קֶען קוֹיפְן דִי מִצְוֹות מִיט אַפָּאר גְרָאשְׁן, מִיט עֶטְלִיכֶע דָאלַאר קֶען מֶען קוֹיפְן אַ בִּינְטְל צִיצִית פַאר אַ טַלִית, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע מִצְוָה וָואס קָאסְט וֵוייגִיג גֶעלְט.'

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קֶען נִישְׁט פַארְטְרָאגְן דִי לִיכְטִיגְקַייט וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע פָּשׁוּטֶ'ע מִצְוָה – וָואס אִיז זֵייעֶר דֶערְהוֹיבְּן אוּן הוֹיךְ, וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן דִי מִצְוֹות מִיט שִׂמְחָה. אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה

גֶעוֶוען צוּ אַזַא אֵייבִּיגֶע מַתָּנָה, מִיר דַארְפְן זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען אִינְדֶערְפְרִי דֶעם אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה עַד אֵין קֵץ וְתַכְלִית אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין זַיין תּוֹרָה, אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַלֶע צַדִּיקֵי אֱמֶת, מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין נָאכְדֶעם יֶעדֶער לוֹיט זַיין דַּרְגָה צוּ קֶענֶען מַשִּׂיג זַיין דִי מִצְווֹת בִּיז אִיר שׁוֹרֶשׁ.

בִּפְרָט יֶעצְט קוּמֶען דִי טֶעג פוּן אֲדָר וָואס מֶען פַארְמֶערְט מִיט שִׂמְחָה. זָאל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת' דָאס אִיז דִי אֱמֶתֶ'ע שִׂמְחָה. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז נָאךְ דָאס יָאר זָאל מֶען שׁוֹין קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְמֶעקְן דֶעם עֲמָלֵק אוּן זִיךְ גְרֵייטְן צוּם פּוּרִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

לָאמִיר זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט שִׂמְחָה, עֶס זָאל שׁוֹין נִתְקַיֵּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק 'וְשִׂמְחַת עוֹלָם עַל רֹאשָׁם', גוּט שַׁבָּת

# איין מעשה'לע



לְכָבוֹד דִי מַעֲרֶכֶת פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט,

אִיךְ וִויל אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אִיר הָאט דִי זְכִיָּה אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר אִין דִי אִינְגֶע קִינְדֶער אוּן כְ'וֶועל אַייךְ זָאגְן אַ סוֹד, שְׁשְׁשְׁ... אוֹיךְ עֶרְוַואקְסֶענֶע הָאבְּן הֲנָאָה פוּן דֶעם הֶערְלִיכְן בְּלֶעטְל. דֶער רֶבִּי וֶועט אַייךְ זִיכֶער נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן.

אַצִינְד וִויל אִיךְ מִיטְטֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר:

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה וֶועלְכֶע זֶענֶען דָא אָנְגֶעקוּמֶען פוּן חוּץ לָאָרֶץ.

אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן בַּאמֶערְק אַז מַיין סַאנְסֶא (מפ3) אִיז נֶעְלָם. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר לַיידְט גֶעטוּן, נִישְׁט אַזוֹי וַוייט פַאר דִי גֶעלְט שָׁאדְן וִוי אוֹיף דִי קַארְטְל וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם אוּן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם. אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט מִיר גֶעאַרְט אוֹיף מַיין בְּרוּדֶער וֶועלְכֶע הָאט זֵייעֶר בַּאדוֹיעֶרְט דֶעם קַארְטְל וָואס הָאט אַנְטְהַאלְטְן נִגּוּנִים וָואס עֶר הָאט אַלֵיין אַרַיינְגֶעזִינְגֶען. בְּקִצּוּר, סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ הֶפְסֵד פוּן אַסַאךְ אִינְפָארְמַאצִיֶע וָואס מִיר הָאבְּן זֵייעֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְלִירְן.

"קוּם מִתְפַּלֵּל זַיין," הָאט מַיין בְּרוּדֶער מִיר דֶערְמַאנְט.

"טַאקֶע רִיכְטִיג," הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶּער אִין מִיר הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז סְ'אִיז שׁוֹין אַ פַארְלוֹירֶענֶע מַעֲשֶׂה. וואוּ וֶועט מֶען יֶעצְט קֶענֶען טְרֶעפְן אַ סַאנְסֶא עֶרְגֶעץ צְוִוישְׁן דִי וֶועגְן אוּן שְׁטֶעגְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ רֵיינִיגֶער וֶועט זִיךְ נֶעמֶען דִי מִי דָאס אוֹיפְצוּהוֹיבְּן, וֶועט עֶר נִישְׁט וִויסְן צוּ וֶועמֶען דָאס גֶעהֶער.

אָבֶּער תְּפִלָּה אִיז תְּפִלָּה. מִיר אִידְן הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן רֶעדְן צוּ אוּנְזֶער לִיבֶּער בַּאשֶׁעפֶער.

אַלְס אַ הִשְׁתַּדְּלוּת, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעקְלִינְגֶען מַיין קָרוֹב אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט אֶפְשָׁר גֶעזֶען אַ סַאנְסֶא עֶרְגֶעצְוואוּ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס?

"אַה, כְ'הָאבּ דִיר פּוּנְקְט גֶעוָואלְט קְלִינְגֶען," הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן. נָאכְדֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַהֵיימְגֶעפָארְן,

הָאט שְׁלוֹמִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוּנְטֶערְן טִישׁ וואוּ מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן, צוּ צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁמוּץ און הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ סַאנְסֶא, אָבֶּער גְלַייךְ הָאט עֶר דָאס צוּרִיק אַרָאפְּגֶעלֵייגְט. "עֶס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אוּנְז," הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזָאגְט.

מִיר הָאט זִיךְ יָא גֶעדַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזֶען מִיט דִי סַאנְסֶא, הָאבּ אִיךְ עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן. וָואס זָאגְסְטוּ, סְ'אִיז טַאקֶע דַיינֶע?

יָא. סְ'אִיז גֶעוֶוען מַיין פַארְלוֹירֶענֶע אֲבֵידָה. דַאן הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז תְּפִלָּה מַאכְט מֶען סֵייוִוי אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אוּנְז אָפְּט אַרַיין אִין גֶעפִילְן שִׁיסְלֶעךְ מִיט יִאוּשׁ. דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן און קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן הָאפֶענוּנְג.




*אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:*

*רֶבִּי נָתָן אִיז זִיךְ מְדַבֵּק צוּם רֶבִּי'ן בְּלֵב וּבְנֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי אִיז אִים מַדְרִיךְ צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע זָאגְט עֶר אִים אַז עֶר זָאל וִוידְמֶען זַיינֶע טֶעג בְּלוֹיז צוּ עֲבוֹדָה און תְּפִלָּה. בִּיז דַאן פְלֶעגְט זַיין רֶעבֶּיצִין שְׁטֵיין אִין גֶעשֶׁעפְט און רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט מַאכְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אַצִינְד לָאזְט עֶר אַלֶעס אָפּ. דִי אַרוּמִיגֶע זָאגְן אִים מוּסָר אָבֶּער עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נָאר אֵיין צִיל אִין לֶעבְּן, צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און זַיינֶע עֵצוֹת.*

אַצִינְד לֵיינְט וַוייטֶער:

אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע קַאפִּיטְלֶעךְ הָאבְּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַז אִינְמִיטְן זוּמֶער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶערֶעכְנְט זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּצִיעֶן קַיין בַּארְדִיטְשׁוֹב צוּ פִירְן דָארְט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָבֶּער אַזוֹיוִוי עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ יְדִיעָה אַז זַיין הֵיילִיגֶער שְׁוֶוער, הגה"צ רֶבִּי דָּוִד צְבִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס און וֶועט אִין דִי נָאנְטֶע טֶעג פַארְבַּייפָארְן נֶעמִירוֹב, הָאט עֶר אָפְּגֶעלֵייגְט זַיין אַרִיבֶּערְצִיעֶן זִיךְ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

אַזוֹי אַרוּם אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ בַּאקֶענְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה (ווִי גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַן אוֹיסְפִירְלִיכֶע בַּארִיכְט אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע קַאפִּיטְלֶעךְ). סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סַיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא אַז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין נֶעמִירוֹב וָואס אִיז בְּלוֹיז צְוֵויי שָׁעָה פוּן בְּרֶסְלֶב. וֶוען עֶר וואוֹינְט וֶוען שׁוֹין אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב אִיז אַ סָפֵק צוּ עֶר ווָאלְט בִּכְלַל גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן און צוּ עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט פָארְן אַזוֹי אָפְט.

לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ דֶער בַּאזוּךְ פוּן שְׁוֶוער אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט און עֶר אִיז עֶרְשִׁינֶען עֶרְשְׁט נָאךְ יָמִים טוֹבִים, אָנְהֵייבּ וִוינְטֶער. דִי בַּאזוּךְ הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ פְרִישֶׁער חִיוּת אִין דִי טָאכְטֶער, רֶבִּי נָתָנ'ס רֶעבֶּיצִין. סְ'אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער פִיל צַייט פוּן וֶוען זִי הָאט צוּם לֶעצְט גֶעזֶען אִיר הֵיילִיגֶער פָאטֶער. (אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה פַאר לַאנְגֶע חֳדָשִׁים און אֲפִילוּ יָארְן.)

צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע הָאט דִי רֶעבֶּיצִין זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט

דָאס הַארץ אַז נִישְׁט נָאר וָואס אִיר מַאן אִיז גֶעוָוארְן אַ חָסִיד נָאר דֶערְצוּ הָאט עֶר זִיךְ בַּאקֶענְט מִיט אַ נַייעֶר רֶבִּי. עֶר פָּארְט זַייעֶר אָפְט קַיין בְּרֶסְלֶב וואו דֶער רֶבִּי וואוינְט. אוּן יֶעצְט הָאט עֶר כִּמְעַט אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ דָאס עוֹל הַפַּרְנָסָה.

פַארְ'ן שְׁוֶוער הָאט דָאס אִין אָנְהֵייבּ זַייעֶר נִישְׁט גֶעפָאלְן, אָבֶער נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִיר אַ פְרֶעג גֶעטוּן: "לֶערְנְט רֶבִּי נָתָן עֶפֶּעס תּוֹרָה?!" "יָא! זִיכֶער! נָאךְ פִיל מֶער וִוי פְרִיעֶר!" הָאט דִי רֶעבֶּיצִין בַּאשְׁטֶעטִיגְט. "אוּן פוּן אַזַא מַאן ווילְסְטוּ דִיךְ גֶטְ'ן?!" הָאט דֶער פָאטֶער אִיז פַארְגֶעהַאלְטְן מִיט פַארְדְרוּס. "מִיט דִי נָאז זָאלְסְטוּ אַקֶערְן אִים צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן זָאלְסְט אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען. נֶעם אַ זַאק זַאלְץ, זֶעץ דִיךְ אִין מַארק אוּן פַארְקוֹיף עֶס!!!"

וִוי שְׁטַארְק רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵּד, אִיז עֶר אָבֶער גֶעוֶוען אַן אֶמֶתְ'ער גָאוֹן אוּן רִיכְטִיג גֶעוואוּסְט וִוי אָפְּצוּשַׁאצְן לִמּוּד הַתּוֹרָה. אוּן דִי טָאכְטֶער, וֶועלְכֶע אִיז עֶרְצוֹיגְן גֶעוָוארְן צוּ אַהֲבַת הַתּוֹרָה הָאט דֶערְהֶערְט דִי פַייעֶרְדִיגֶע רֵייד פוּן אִיר פָאטֶער, הָאט זִי גְלַייךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דָאס עוֹל פוּן פַּרְנָסָה מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. אִיר גְרֶעסְטֶע זְכִיָּה אִיז גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ מַאן אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה.

וֶוען רֶבִּי דָוִד צְבִי הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי צוּ וֶועמֶען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן מְקֻשָּׁר, הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אִין אִים אַ חִיּוּת אוּן הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַזַא רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג תּוֹרָה, דַארְף מֶען דַאנְקֶען!" דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ בַּיי אַלֶעמֶען וָואס הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז אַ מִתְנַגֵּד. אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן אִישׁ אֶמֶת.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ ווַייטֶער גֶעהַאלְטְן צוּ זַיין אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶער הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַ פְּשָׁרָה מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פָארְן אַזוֹי אָפְט קַיין בְּרֶסְלֶב אוּן וֶועט פוּן צַייט צוּ צַייט רַייזְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוֹב צוּ אַיינְהַאנְדְלֶען פְרִישֶׁע סְחוֹרָה.

מַזָל טוֹב!!! מַזָל טוֹב!!!

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חֹדֶשׁ כִּסְלֵו, אִיז בַּיי רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטוּב לִיכְטִיג גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וֶוען עֶס אִיז אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל בְּעִיבִּי! צֶען יָאר נָאךְ דֶער חֲתוּנָה! דֶעם רֶבִּינְ'ס בְּרָכָה אִיז פוּלְקָאם מְקֻיָּם גֶעוָוארְן.

(אִין דִי פָארִיגֶע קַאפִּיטְלֶעךְ הָאבְּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט וִוי דֶער רֶבִּי נָתָן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם רֶבִּי'ן אַז דִי קִינְדֶער הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט בַּיי אִים לֹא עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי הֵייסְט אִים בְּרֶענְגֶען אַ פִּדְיוֹן פוּן זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ קֶעגְן דֶעם ו' וָואס טוּט בַּאהֶעפְטְן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע טֵייל אוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע טֵייל פוּן דֶעם אוֹת א'; לוֹיט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט שַׁבָּת שׁוּבָה. שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן טַאקֶע גֶעהַאט זֶעקְס קִינְדֶער.)

דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען אִין לְשַׁעַר אַז מֶען הָאט דָאס עֶנְדְלִיךְ דֶערְלֶעבְּט. אַלֶע מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְט הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ דִי גֶעוואַלְדִיגֶע שִׂמְחָה; רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין רֶעבֶּיצִין הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ בֵּן זָכָר – אַ קַדִּישְׁ'ל!

דִי שִׂמְחָה אִיז אָבֶער פַארְנֶעפְּלְט גֶעוָוארְן, וֶוען דִי רֶעבֶּיצִין הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ נִישְׁט גוּט צוּ פִילְן. מֶען אִיז גֶעלָאפְן בְּרֶענְגֶען אַ דָאקְטָאר וָואס זָאל אִיר בַּאהַאנְדְלֶען. פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס זַייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט, ווִיסְנְדִיג פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְנַגְּדוּת זִיךְ צוּ בַּאנִיצְן מִיט דָאקְטוֹירִים. אָבֶער זַייעֶנְדִיג נָאךְ אַ פְרִישֶׁער חָסִיד פוּן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַוֶועקְצוּשִׁיקְן דֶעם דָאקְטָאר.

לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהָאלְפְן אַז די רֶעבֶּיצין הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּם דָאקְטָאר'ס הילְף און רֶבִּי נָתָן הָאט פְרַיי אָפְּגֶעאָטֶעמְט.

דֶער בְּרִית אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא און מֶען הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם קִינְד, שַׁכְנָא. עֶטְלִיכֶע טֶעג נָאכְ'ן בְּרִית הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן ווידֶער אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ מִיט די גוּטֶע בְּשׂוֹרָה. אִין דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם אִינְצִידֶענְט מִיטְ'ן דָאקְטָאר. דֶער רֶבִּי הָאט אִים שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט בַּאנִיצְן מִיטְ'ן דָאקְטָאר. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דַאן גֶעזָאגְט אַ תּוֹרָה וָואס עֶר אִיז דָארְט מַסְבִּיר דֶער עִנְיָן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ גְרִינְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים צוּ זֶען צִי אַלֶעס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן בַּיי אִים לוֹיט ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, אִיז עֶר מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים פוּן אִים און דָאס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיטְ'ן גֶעבוּרְט פוּן אַ קִינְד. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְבַּיי גֶעזָאגְט אַ טִיפֶע הַסְבֵּר פַארְוָואס די וֶועלְט דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן לָשׁוֹן: "מֶען דַארְף לוֹיפְן נָאךְ אַ דָאקְטָאר."

לֵיינְט וַוייטֶער אִין קוּמֶענְדִיגְן נוּמֶער אי"ה נָאךְ אִיבֶּער דֶער בַּאזוּךְ בַּיים רֶבִּי'ן און די שְׁוֶוערֶע גְּזַר דִין אוֹיפְ'ן קִינְד פוּן זַיין חָבֵר.

# דָאס שְׁוַויגְן הָאט גֶערַאטֶעוֶועט

זִיךְ פַארְהֶערְט אוֹיף גַאנְץ מַסֶּכֶת שַׁבָּת, און אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוּן די גְרֶעסְטֶע מְצַטְיְּנִים אִין כִּתָּה. ווִי בִּין אִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַזוֹי גֶעפַאלְן? ווִיאַזוֹי? אוֹי וֵויי? וָואס גֶעשֶׁעט מִיט מִיר?! וואוּ בִּין אִיךְ? אוֹי אוֹי אוֹי!!!

מִיט וֶועמֶען דְרֵיי אִיךְ זִיךְ? מִיט וֶועמֶען רֶעד אִיךְ? דָאס אִיז מְסוּכָּן! פַּייעֶר!

צוּ קֶען אִיךְ זֵיי דֶען? אַזוֹיפִיל קֶען מֶען קְלָאר זֶען מִיט די אוֹיגְן, אַז קֵיין סַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם הָאבְּן זֵיי נִישְׁט... די קְלֵיינֶע קַאפְּל, אָן קֵיין בָּארְד און פֵּיאוֹת, פְרֶעמְדֶע נֶעמֶען - אִין די גַאנְצֶע חֵדֶר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזֶעלְכֶע חֲבֵרִים, נִישְׁט קֵיין קוֹבִּי, און נִישְׁט קֵיין גַּדִּי! דָאס הֶעמְד פוּן גַּדִּי קוּקְט אוֹיס פּוּנְקְט ווִי פוּן די וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן שְׁמִירַת שַׁבָּת. און עֶר רֶעדְט נָאךְ מִיט מִיר ווִי אַ חָבֵר און טְרָאגְט מִיר אָן אַ צִיגַארֶעטְל??? וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר רְאוּבֵן? - שְׁרַייעֶט עֶר צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט מִיט אַ פֶעסְטְן שְׁטִימֶע - אַנְטְלוֹיף, אַנְטְלוֹיף! מֶען פְּרוּבִּירְט דִיר צוּ

פַארְכַאפְּן און אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן!!!

פְּלוּצְלִינְג רוּפְן זֵיי מִיר רוּבִּי, כְּאִילוּ אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ גַאסְן-יוּנְג...

מִיט אַ פֶעסְטֶע הַחְלָטָה, הָאט רְאוּבֵן מַחְלִיט גֶעוֶוען אָפְּצוּהַאקְן מִיט זֵיי, און זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן. נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי, און בִּכְלַל מֶער נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם מְסוּכָּנְ'דִיגְן פֶעדְלֶערַיי טִישְׁל.

אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ די שְׁטִיבְּלֶעךְ אוֹיף צוּ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, הָאט קוֹבִּי גֶעלַאכְט צוּ אִים, אָבֶּער רְאוּבֵן - וָואס אִיז גֶעוֶוען פֶעסְט בַּיי זִיךְ - הָאט אִים אִיגְנָארִירְט, נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אִים, און אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

אַזוֹי אִיז רְאוּבֵן די לֶעצְטֶע רֶגַע גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אָפְּגְרוּנְד, פּוּנְקְט ווִי דֶער קֵייזֶערְ'ס טָאכְטֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם רוֹצֵחַ, און דֶערְמִיט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט אִיר פְרַייהֵייט און לֶעבְּן, אִין די לֶעצְטֶע רֶגַע.

המשך פון זייט 12

# דאס טייכל טרערן
# ביים הייליגן ציון

*אִין קוּרְצְן פוּן פְּרִיעֶר*

*עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, דֶער שְׁוָואגֶער פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן, דֶער חָסִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי צְבִי דוּבִּינְסְקִי, אִיז פַארְשִׁיקְט גֶעוָוארְן קַיין סִיבִּיר פַאר גַאנְצֶע נַיין יָאר, פַארְן אִיבֶּערְרֶעדְן אַ צְוֵוייטְן אִיד צוּ הִיטְן שַׁבָּת!*

יֶעצְט לֵיינְט ווַייטֶער

רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מְחַנֵּךְ זַיין זַיין פְּלוּמֶענִיק, רֶבִּי בָּרוּךְ יַעֲקֹב, עֶר הָאט אִים עֶרְצוֹיגְן ווִי אַן אֵייגְן קִינְד צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּם רֶבִּי'נְס וֶועג מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ.

וֶוען דִי רְדִיפוֹת פוּן דִי קָאמוּנִיסְטְן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, אִיז רֶבִּי יוֹחָנָן אַרִיבֶּער ווָאוֹינֶען קַיין טַאשְׁקֶענְט אִין אוּזְבֶּעקִיסְטַאן, אִין טַאשְׁקֶענְט הָאבְּן דַאן גֶעווָאוֹינְט עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים אוּן אֲפִילוּ פַארְמָאגְט אַ שׁוּל אוֹיפְן רֶבִּי'נְס נָאמֶען.

דָארְט הָאט נִישְׁט גֶעשְׁוֶועבְּט אַזַא סַכָּנָה צוּ פִירְן אַ אִידִישְׁע לֶעבְּן. רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיטְגֶענוּמֶען דָאס קִינְד בָּרוּךְ יַעֲקֹב אוּן הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן צוּ אוֹיפְצִיעֶן דָאס קִינְד מִיט עֶרְלִיכְקֵייט אוּן אִים נִישְׁט גֶעשִׁיקְט צוּ דִי גוֹיִשֶ'ע שׁוּלֶעס ווִי דָאס גֶעזֶעץ הָאט פַארְלַאנְגְט פוּן יֶעדְן בִּירְגֶער.

אִין יֶענֶע צַייט פְלֶעגְן אַלֶע בַּאגְלַייבְּטֶע בִּירְגֶער דִינֶען אַלְס שְׁפִּיאָנֶען פַאר דִי רוּסִישֶׁע לַאנְד, וֶוען דִי גוֹיִ'שֶׁע שְׁכֵנִים הָאבְּן בַּאמֶערְקְט ווִי דָאס קִינְד בְּלַייבְּט יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּבּ אוּן גֵייט נִישְׁט לֶערְנֶען, הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן גֶעפַּאקְט פֶּעק אוּן גֶעוַואנְדֶערְט צוּ אַ צְוֵוייטְן אוּמְבַּאמֶערְקְטְן אָרְט.

רֶבִּי בָּרוּךְ יַעֲקֹב דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן חוּץ פוּן אֵיין מָאל. גֶעוֶוען אִיז דָאס נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, וֶוען רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אִים בַּאמֶערְקְט מִיט אַ צִיגַארֶעטְל אִין מוֹיל, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'נְס רָצוֹן, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן פוּן גְרוֹיס צַעַר הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אִין פָּנִים. פוּן דַאן, הָאט רֶבִּי בָּרוּךְ יַעֲקֹב מֶער נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין צִיגַאר אִין הַאנְט.



אַלְס דַאנְקְבַּארְקַייט פַאר אִים אוֹיפְצִיעֶן מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט, הָאט רֶבִּי בָּרוּךְ יַעֲקֹב גֶעטוֹיִשְׁט זַיין נָאמֶען צוּ 'גַאלַאנְט', אוֹיךְ ווַייל רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט לֵיידֶער נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קַיין דוֹרוֹת.

טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, מִיט דֶעם הָאט זִיךְ רֶבִּי יוֹחָנָן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט. וֶוען אַ אִיד פוּן חוּץ לָאָרֶץ אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינְמָאל דַאוֶונֶען אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ער שׁוּל, רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט בַּאמֶערְקְט ווִי זַיין טַלִּית אִיז אַבִּיסְל פַארְפְלֶעקְט. נָאכְן דַאוֶונֶען אִיז עֶר צוּ אִים צוּגֶעגַאנְגֶען, אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם טַלִּית אוּן צוּמָארְגְנְס אִיר צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט רֵיין גֶעוַואשְׁן!

אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן וֶוען רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז גֶעפַאלְן אוּן זִיךְ לֹא-עָלֵינוּ צֶעבְּרָאכְן זַיינֶע בֵּיינֶער, דָאס

הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט שְׂרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאגְן, בִּפְרָט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט אוּן שְׁוַואךְ. זַיינֶע קְרוֹבִים הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ מֶעדֶעצִין צוּ שְׁטִילְן זַיינֶע שְׁמֶערְצְלִיכֶע וֵוייטָאגְן, אָבֶּער רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ הֶערְן וָואס זֵיי וִוילְן, עֶר הָאט עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן וִוי צוּ עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיפְן רֶבִּי'נְס רֵייד זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דָאקְטוֹירִים.

זַיינֶע שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזֶען זַיין פֵּיין, הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט בַּיים דָאקְטָאר אַן עֵצָה, הָאט עֶר פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז אֵיינֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה זָאל אִיבֶּערְרֶעדְן דֶעם עֶלְטֶערְן אִיד צוּ נֶעמֶען דִי רְפוּאוֹת וַוייל עֶס וֶועט אִים זִיךְ לוֹינֶען. וֶוען רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט זֵייעֶר גֶעשְׁפְּרֶעךְ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער דָאקְטָאר דַארְף לֶעבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען, אָבֶּער אִיךְ וִויל אוֹיךְ לֶעבְּן, דֶערִיבֶּער נֶעם אִיךְ עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין מוֹיל!".

טְרָאץ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט צַעַר אוּן פֵּיין הָאבְּן דִי אַרוּמִיגֶע נִישְׁט גֶעהֶערְט עֶר זָאל זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף זַיינֶע שְׁמֶערְצְן. אוֹיךְ אִינֶעם טִיפְן עֶלְטֶער, וֶוען דִי קְרֶענְק הָאט טִיף גֶעשְׁלָאגְן אִינֶעם גוּף, אַז לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ וַוארְפְן פוּן אֵיין זַייט צוּם צְוֵוייטְן פוּן גְרוֹיס צַעַר, אָבֶּער עֶר פוּן זַיין זַייט וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער זַיין מַצָּב הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט שִׂמְחָה אוּן אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם!"

אַזוֹי אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ בַּאהַאלְטְן זַיינֶע וֵוייטָאגְן, אַז זַיינֶע נָאנְטֶע הָאבְּן בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעוואוּסְט צוּ עֶר לַיידְט אָדֶער נִישְׁט.

זַיינֶע כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ אוּן פֶעסְטֶע אֱמוּנָה הָאט עֶר גֶעצוֹיגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. בִּיז זַיין לֶעצְטְן טָאג אִיז עֶר גֶעוֶוען מִיט אֵיין שְׁטִיק יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִין זְכוּת פוּן זַיינֶע פִילֶע הִתְבּוֹדְדוּת וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

(בילד א שול אין אוזבעקיסטאן)

## לכבוד חודש אדר און א גאנץ יאר!!

פ צ ז מ ד ג — כ ב י ס — ת א — ז ה י פ — ז כ

מ ק מ — י מ כ מ — ק ב נ פ א ת — ק מ מ ד ת

ל י ש פ ת ג — ת ה כ ט פ — ל י צ — ו ז י מ י

ליין די ליכטיגע ווערטער מיט די הילף פון די סימנים דא אונטן



### סימנים

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ח | ט | י | כ |
| ת | ש | ר | ק | צ | פ | ע | ס | נ | מ | ל |
| ל | מ | נ | ס | ע | פ | צ | ק | ר | ש | ת |
| כ | י | ט | ח | ז | ו | ה | ד | ג | ב | א |

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




אַמָאל אִיז זִי צוּ אִים גֶעקוּמֶען – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִיר אוֹיפְגֶעעֶפְנְט דָאס ׳חֶדֶר׳ [צִימֶער], וָואס דָארְט זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דִי ׳גִילְדֶענֶע פֵייגְל׳ וְכוּ׳. הָאט זִי גֶעזֶעהְן: [אַז] סְ׳אִיז זֵייעֶר אַ ׳וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ׳!

אוּן דִי ׳אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן׳ וָואס זֶענֶען מִיט אִיר גֶעוֶועט (דְהַיְינוּ: דִי ׳וַואךְ׳ וְכוּ׳), הָאבְּן אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין דֶעם ׳חֶדֶר׳ [צִימֶער] – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״נֵיין״! ״נֵיין״! ״דָאס וַוייז אִיךְ נִישְׁט [פַאר] קַיין שׁוּם ׳מֶענְטְשְׁן׳, נָאר [פַאר] דִיר, ווַייל דוּ בִּיזְט דֶעם ׳קֵיסָרְ׳ס טָאכְטֶער׳ – אָבֶער פַאר ׳אַנְדֶערֶע׳, וִויל אִיךְ דָאס גָארְנִישְׁט וַוייזְן״! אִיז זִי אַלֵיין אַהִין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען!

אִיז עֶר [דֶער רוֹצֵחַ] אוֹיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם ׳חֶדֶר׳ אַרַיין – אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁלָאסְן דִי ׳טִיר׳ – אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט], אוּן הָאט גֶענוּמֶען אַ ׳זַאק׳, אוּן הָאט זִי מִיט גֶעוַואלְד [גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט] אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין ׳זַאק׳ אַרַיין – אוּן עֶר הָאט פוּן אִיר אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַלֶע אִירֶע ׳קְלֵיידֶער׳.

אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעטָאן דִי ׳קְלֵיידֶער׳ [פוּנֶעם ׳בַּת־קֵיסָר׳] – [פַאר] אַ ׳מַאטְרָאס׳ – אוּן עֶר הָאט אִים פַארְהָאנְגֶען דָאס ׳פָּנִים׳ – אוּן הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט – אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: ״גֵיי״!

אוּן דֶער ׳מַאטְרָאס׳ – עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס מִיט אִים טוּט זִיךְ!

אוּן תֵּיכֶף וִוי עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס ׳פָּנִים׳ אִיז אִים גֶעוֶועט פַארְהָאנְגֶען – אוּן דָאס ׳חַיִל׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳וַואךְ׳), הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט (אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי ׳בַּת־קֵיסָר, נָאר אַ ׳מַאטְרָאס׳).

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ גֵיין תֵּיכֶף – זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט, אַז דָאס אִיז דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳!

אוּן דֶער ׳מַאטְרָאס׳ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם ׳חַיִל׳, וואוּ זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפִירְט – אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ עֶר אִיז אִין דֶער וֶועלְט – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין דֶעם ׳חֶדֶר׳ אַרַיין, וָואס דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳ אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן – הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעדֶעקְט [אוֹיפְגֶעדֶעקְט] דָאס ׳פָּנִים׳ – הָאט מֶען דֶערְזֶעהְן: ״אַז דָאס אִיז גָאר אַ ׳מַאטְרָאס׳״ – אִיז גֶעוָוארְן דָארְט, זֵייעֶר אַ וִוילְדֶער ׳רַעַשׁ׳!

(אוּן דֶעם ׳מַאטְרָאס, הָאט מֶען אָנְגֶעפַּאטְשְׁט גַאנְץ גוּט אִין ׳פָּנִים׳ – אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ קַיין ׳חַיָּיב׳ נִישְׁט [עֶר אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג], וָוארְן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט).

אוּן דֶער ׳רוֹצֵחַ׳ הָאט גֶענוּמֶען דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳ – אוּן עֶר הָאט גֶעוואוּסְט, אַז מֶען וֶועט אִים בְּוַודַאי נָאכְיָאגְן.

אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער ׳שִׁיף׳ – אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן אִין אַ ׳גְרוּבּ׳, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען ׳רֶעגְן־וַואסֶער׳ – בִּיז דֶער ׳רַעשׁ׳ וֶועט אִיבֶּערְגֵיין [אַרִיבֶּערְגֵיין].

אוּן [פַּאר] דִי ׳מַאטְרָאסְן׳ פוּן דֶער ׳שִׁיף׳ הָאט עֶר אָנְגֶעזָאגְט: ״אַז זֵיי זָאלְן תֵּיכֶּף אָפְּשְׁנֵיידְן דִי ׳אַנְקֶערְס׳ [דִי ׳שִׁיף׳ זָאל אָוֶועקְפָּארְן], אוּן זֵיי זָאלְן תֵּיכֶּף אַנְטְלוֹיפְן – וָוארְן מֶען וֶועט זֵיי בְּוַודַאי תֵּיכֶּף נָאכְיָאגְן – אוּן ׳שִׁיסְן׳ וֶועט מֶען בְּוַודַאי נִישְׁט צוּ דֶער ׳שִׁיף׳, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶער ׳בַּת־קֵיסָר׳ – וָוארְן זֵיי וֶועלְן זִיךְ מֵיינֶען, אַז זִי אִיז דָארְט אִין דֶער ׳שִׁיף׳ – נָאר זֵיי וֶועלְן אַייךְ נָאכְיָאגְן – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] זָאלְט אִיר אַנְטְלוֹיפְן תֵּיכֶּף – [אוּן אוֹיבּ] וֶועט מֶען אַייךְ ׳כַאפְּן׳ – וָואס אִיז?״!

אַזוֹי־וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן ׳רוֹצְחִים׳, [אַז] זֵיי קוּקְן אוֹיף זִיךְ גָארְנִישְׁט (כְּלוֹמַר: זֵיי זֶענֶען זִיךְ מַפְקִיר).

אוּן אַזוֹי אִיז [טַאקֶע] גֶעוֶוען – [אַז] ס׳גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער ׳רַעשׁ׳ – אוּן מְ׳הָאט זֵיי תֵּיכֶּף נָאכְגֶעיָאגְט! – נָאר מְ׳הָאט זִי דָארְט נִישְׁט גֶעפוּנֶען.

אוּן דֶער ׳רוֹצֵחַ׳ הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר, אִין אַ ׳גְרוּבּ׳ פוּן ׳רֶעגְן־וַואסֶער׳ – אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעלֶעגְן.

אוּן עֶר הָאט זִי גֶעשְׁרָאקְן [דֶערְשְׁרָאקְן]: ״אַז זִי זָאל נִישְׁט שְׁרַייעֶן – כְּדֵי מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט דֶערְהֶערְן״!

אוּן עֶר הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ מִיךְ ׳מוֹסֵר־נֶפֶשׁ׳ גֶעוֶוען פוּן דַיינֶעטְוֶועגְן, כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיךְ ׳כַאפְּן׳ – אוּן אַז אִיךְ זָאל דִיךְ ווִידֶער אָנְוֶוערְן [דֶערְלֵייגְן], אִיז מַיין לֶעבְּן בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד – וָוארְן ווַייל [ווִייבַּאלְד] דוּ בִּיזְט שׁוֹין בַּיי מִיר אִין דִי ׳הֶענְט׳, [אִיז] אַז אִיךְ זָאל דִיךְ ווִידֶער אָנְוֶוערְן [דֶערְלֵייגְן], אוּן מְ׳זָאל דִיךְ אָפְּנֶעמֶען פוּן מִיר – אִיז שׁוֹין מַיין לֶעבְּן בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד – דְרוּם [דֶערִיבֶּער] ווִייבַּאלְד דוּ וֶועסְט נָאר אַ גֶעשְׁרֵיי טָאן – וֶועל אִיךְ דִיךְ תֵּיכֶּף דֶערְוַוארְגְן [דֶערְוֶוערְגְן] – אוּן לָאז [זָאל] זִיךְ שׁוֹין מִיט מִיר טוּהְן, וָואס ס׳וֶועט זִיךְ טוּהְן – וָוארְן אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד״!

הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט פַאר אִים (כְּלוֹמַר: דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳ וָואס זִי אִיז גֶעלֶעגְן אִין דֶעם ׳גְרוּבּ׳ מִיט דֶעם ׳רוֹצֵחַ׳, הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ שְׁרַייעֶן – ווַייל דֶער ׳רוֹצֵחַ׳ הָאט זִי גֶעשְׁרָאקְן [דֶערְשְׁרָאקְן]).

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט אִיר – אוּן עֶר הָאט זִי גֶעפִּירְט אִין ׳שְׁטָאט׳ – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳אָרְט׳ – אוּן דֶער ׳רוֹצֵחַ׳ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: ״אַז דָארְט זוּכְט מֶען אוֹיךְ״! – הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִיר ווִידֶער בַּאהַאלְטְן אִין אַ ׳מִקְוֶה׳.

אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר פוּן דָארְט אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳אַנְדֶער אָרְט׳ – הָאט עֶר זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן, אִין אַ ׳אַנְדֶער וַואסֶער׳.

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן, אַלֶעמָאל אִין אַ ׳אַנְדֶער וַואסֶער׳ – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן, אִין דִי

אַלֶע 'זִיבְּן עֶרְלַיי וַואסֶערְן', וָואס דֶער 'בֶּערְגֶער' הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר 'מוּטֶער', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וָואס דָאס זֶענֶען דִי 'זִיבְּן עֵדוּת', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אִיר אוֹיף דֶעם 'יַם'! הָאט דֶער 'רוֹצֵחַ' דָארְט גֶעזוּכְט, [צוּ טְרֶעפְן] כָאטְשֶׁע אַ 'קְלֵיין שִׁיפְל' פוּן דִי וָואס כַאפְּן 'פִּישׁ' – כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִיר אַרִיבֶּער. הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַ 'שִׁיף' – הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי 'בַּת־קֵיסָר'!

אוּן עֶר הָאט זִי נִישְׁט גֶעדַארְפְט, וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'סָרִיס', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט זִי פַארְקוֹיפְן צוּ אַ 'מֶלֶךְ' – אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט: "טָאמֶער וֶועט מֶען זִי אַוֶועקְכַאפְּן בַּיי אִים"?! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִי אָנְגֶעטָאן אִין [מִיט] 'קְלֵיידֶער' פוּן אַ 'מַאטְרָאס' – הָאט זִי אַ 'פָּנִים' גֶעהַאט וִוי אַ 'זָכָר'.

אוּן דֶער 'רוֹצֵחַ' אִיז מִיט 'אִים' גֶעפָארְן אוֹיף דֶעם 'יַם' (דְהַיְינוּ: מִיט דֶער 'בַּת־קֵיסָר', וָואס מִיר רוּפְן זִי אָן בִּלְשׁוֹן 'זָכָר' – מַחֲמַת [וַוייל] דֶער 'רוֹצֵחַ' הָאט זִי אַזוֹי פַארְשְׁטֶעלְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אִיז גֶעקוּמֶען אַ 'שְׁטוּרֶעם־וִוינְט' – אוּן הָאט אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן דִי 'שִׁיף' צוּ אַ 'בָּארְטְן' – אוּן דִי 'שִׁיף' אִיז צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'בָּארְטְן' וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי 'מִדְבָּר', וָואס דָארְט אִיז גֶעזֶעצְן דֶער 'בָּחוּר' הַנַ"ל [דֶעם 'בֶּערְגֶער'ס זוּהְן'].

וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען – אוּן דֶער 'גַזְלָן' אִיז גֶענִיט [בַּאקַאנְט] גֶעוֶוען אִין וֶועגְן, אַזוֹי־וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז – הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט: "אַז דָא אִיז אַ 'אָרְט' פוּן 'מִדְבָּר', וָואס קַיין 'שִׁיפְן' קוּמֶען אַהֶער נִישְׁט" – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיב דֶעם] הָאט עֶר דָא שׁוֹין קַיין מוֹרָא נִישְׁט גֶעהַאט, פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן – הָאט עֶר זִי גֶעלָאזְט!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ: דֶער 'רוֹצֵחַ', אוּן דִי 'בַּת־קֵיסָר') – דֶער אַהֶער, אוּן דֶער אַהֶער – זֵיי זָאלְן זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס 'עֶסְן'!

הָאט זִי זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם 'גַזְלָן'! אוּן דֶער 'גַזְלָן' אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג – אוּן עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן: "אַז זִי אִיז נִישְׁט דָא נֶעבְן אִים"! – הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּ אִיר!

אוּן זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען – אוּן הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט – וָוארְן זִי הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "[וִויבַּאלְד] מַיין 'סוֹף' אִיז זִיךְ, [אַז] עֶר וֶועט מִיךְ פַארְקוֹיפְן – [אוֹיבּ אַזוֹי] נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] זָאל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן?! – [און] אוֹיבּ עֶר וֶועט ווִידֶער אָנְקוּמֶען צוּ מִיר – וֶועל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן: [אַז] אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט – בִּפְרַט [אַז] הַרְגֶ'ענֶען וִויל עֶר זִיךְ [דָאךְ] מִיךְ נִישְׁט – וָוארְן עֶר וִויל זִיךְ מִיךְ פַארְקוֹיפְן"!

הָאט זִי אִים [טַאקֶע] נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט – אוּן זִי אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען!

אוּן דֶער 'גַזְלָן' הָאט זִי גֶעזוּכְט אַהִין אוּן אַהֶער – אוּן עֶר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען – אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען – אוּן עֶר הָאט זִי [נָאךְ] אַלְץ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען! אוּן מִן־הַסְתָּם הָאבְּן אִים [דֶעם 'רוֹצֵחַ־גַזְלָן'] 'חַיוֹת־רָעוֹת' אוֹיפְגֶעגֶעסְן!

נאמ: ___________

# לאמיר זיך פארהערן





## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (8)

**א. וואס האט ער איר באוואוזן איינע פון די מאלן וואס זי איז צו אים געקומען?**
- ❑ זילבערנע כלים וואס ער האט געהאט
- ❑ די צימער וואס דארט זענען געשטאנען די גאלדענע פייגעלעך
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער רוצח געטאן ווען ער איז אריין אין צימער מיט די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ ער האט איר מיט געוואלד אריין געלייגט אין א זאק
- ❑ ער האט אראפ גענומען אירע אלע קליידער און האט עס אנגעטאן פאר א מאטראס און פארדעקט זיין פנים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האט מען געטאן פאר'ן מאטראס נאכדעם וואס מ'האט געזען אז ער איז אנשטאט די בת קיסר?**
- ❑ מ'האט אים פארשיקט
- ❑ מ'האט אים גע'הרג'עט
- ❑ מ'האט אים אנגעפאטשט גאנץ גוט אין פנים און מ'האט אים ארויס געשטופט

**ד. וואו האט זיך דער רוצח ערשט באהאלטן מיט די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין א גרוב מיט שלענג און עגדיסן
- ❑ אין א מקוה
- ❑ אין א גרוב מיט רעגן וואסער

**ה. אין וועלכע פלעצער האט זיך דער רוצח באהאלטן מיט די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין זיבן פלעצער, א גרוב, מקוה, היילן, פעלדער, וועלדער, מדבריות, טייכן.
- ❑ אין די אלע זיבן וואסערן וואס דער בערגיר האט זיך באהאלטן מיט איר מוטער.
- ❑ אין א גרוב און אין א מקוה

**ו. וועלכע קליידער האט דער רוצח אנגעטון די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ מיט קעניג'ליכע קליידער און זי האט אויסגעזען ווי א קעניג'ן
- ❑ מיט קליידער פון א מאטראס און זי האט אויסגעזען ווי א זכר
- ❑ מיט צוריסענע קליידער און זי האט אויסגעזען ווי א ארימאן

**ז. וואס איז געשען מיטן שיף אינמיטן וועג?**
- ❑ א שטורעם ווינט האט עס צובראכן
- ❑ עס האט זיך איבערגעדרייט
- ❑ גזלנים האבן עס בארויבט

**ח. וואו זענען אנגעקומען דער רוצח און די טאכטער פון קיסר, ווען זיי זענען אראפ פון שיף?**
- ❑ צו א פוסטע מדבר
- ❑ צו די מדבר וואו דער קעניג געפינט זיך דארט
- ❑ צו די מדבר וואו דער זוהן פון בערגיר געפינט זיך דארט

**ט. וואס האט זי געטון ווען דער רוצח האט געשריגן צו איר?**
- ❑ זי האט אים געענטפערט
- ❑ זי האט אים נישט געענטפערט
- ❑ זי האט זיך באהאלטן אונטער א בוים

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

### וואס האט דער רוצח געזוכט ? - האט ער דאס געטראפן ?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

### אויף וועמען נאך ווערט דערמאנט ביי די מעשה אז ער איז א "רוצח" ?

הָאט דֶער בָּחוּר (הבן הבערגיר) אָנְגֶיהוֹיבְּן צוּ רֵיידְין מִיט כַּעַס און הָאט גִיזָאגְט. דֶער רוֹצֵחַ.

### וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט "רוצח" ?

**סוף מעשה ממלך וקיסר:** וָוארִין הַיינְט אִיז נָאךְ גִיוֶועןְ אִין דֶער שִׁיף דָאס גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת פוּן דִי רוֹצְחִים כַּנַ"ל

**במעשה של הבעל תפילה:** זֵיי הָאבִין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִין אַז רְצִיחָה אִיז דֶער תַּכְלִית.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# דָאס שְׁוַיְיגְן הָאט גֶעֲרַאטֶעוֶועט

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה, וִוי דֶער רוֹצֵחַ הָאט אַרַיינְגֶענַארְט דֶעם קֵייזֶערְ'ס טָאכְטֶער אוֹיף זַיין שִׁיף. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען וֶועט אִים נָאכְיָאגְן, הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר אִין אַ גְרִיבְל, אָנְזָאגְנְדִיג אִיר, אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ שְׁרַייעֶן, וַוייל אוֹיב יָא, וֶועט עֶר אִיר גְלַייךְ דֶערְוֶוערְגְן! דֶערְפַאר, הָאט זִי גֶעצִיטֶערְט צוּ שְׁרַייעֶן.

עֶר הָאט אִיר גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שִׁיף, געקומען איז א שטורעם ווינט און צוּבְּרָאכְן דִי שִׁיף און געטראגן די שיף צום בָּארְטְן. דָארְט, הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט אַז קֵיינֶער דְרֵייעֶט זִיךְ נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אִיר גֶעלָאזְט גֵיין אַלֵיין, אוּן זִי הָאט זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים.

פְּלוּצְלִינְג, הָאט עֶר זִיךְ דֶערְזֶען אַז עֶר זֶעט אִיר נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁרַייעֶן צוּ אִיר, אָבֶער זִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'פַארְוָואס זָאל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן? אוֹיב עֶר וֶועט מִיר סַיְיווִי גֶעפוּנֶען, קֶען אִיךְ אַלְץ טַעֲנָה'ן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט וִוי עֶר רוּפְט... עֶר וִויל מִיר דָאךְ סַיְיוִוי פַארְקוֹיפְן!'. אוּן זִי הָאט אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

רְאוּבֵן אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען יֶעדֶעס מָאל וָואס קוֹבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטִיבְּלֶעךְ. דָארְטְן הָאט עֶר



גֶעפוּנֶען שִׁיסֶערְס, שְׁוֶוערְד-שְׁפִּילֶערַייעֶן, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁפַּאנֶענְדֶע שְׁפִּילֶערַייעֶן וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אוּן גֶעקֶענְט.

אֵיין טָאג, הָאט רְאוּבֵן גֶעזֶען אַז נֶעבְּן רְאוּבֵן, שְׁטֵייט גַּדִּי, אָנְגֶעטוּן מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל, אוּן אוֹיף זַיין הֶעמְד אִיז דָא אַ בִּילְד פוּן אַ גְרוֹיסֶע טַאבֶּע. קוֹבִּי הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט גַּדִּי צוּ רֶעדְן מִיט אִים מִיט אַ גְרוֹיסְן שְׁמֵייכְל וִוי אַלְטֶע חֲבֵרִים, "אָה רוּבִּי, קוּם זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיט גַּדִּי וָואס אִיז אוֹיךְ מַיין חַבֶר. דוּ וֵוייסְט? גַּדִּי הָאט פִּיל מֶער פְּרָאפֶעסְיָאנַאלֶע שִׁיסֶערְס וִוי דִי וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן..."

גַּדִּי הָאט גֶעהַאט אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט רִיזִיגֶע מָאדְנֶע קָאלִירְטֶע רִינְדֶעכִיגֶע בְּרִילְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ רוּבִּי אַרוֹיסְנֶעמֶענְדִיג פוּן קֶעשֶׁענֶע אַ צִיגַארֶעטְל אוּן אַרַיינְרוֹיכֶערְנְדִיג בִּיז זַיינֶע נָאז אוּן לוּנְגֶען זֶענֶען גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעפוּלְט.. גַּדִּי הָאט זִיךְ צוּהִיסְט, אוּן גֶעפְרֶעגְט רְאוּבֵן, "וָואס אִיז מִיט דִיר, דוּ וִוילְסְט אוֹיךְ? נֶעם חַבֶר, נֶעם בְּחִנָּם".

פְּלוּצְלִינְג, הָאט רְאוּבֵן גֶעכַאפְּט אַזַא טְרֵייסְל אִין זַיינֶע בֵּיינֶער - אַזַאנְס וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט.

וָואס?! רְ-א-וּ-בֵ-ן! אִיךְ בִּין רְאוּבֵן?! בְּלוֹיז פַאר אַ וָואךְ צוּרִיק הָאבּ אִיךְ

המשך אויף זייט 5

## טייערע ברסלב'ע חסידים

היות דער הייליגער רבי האט זייער געווארנט נישט צו מאכן חובות זענען מיר געווען געצווינגען די וואך פרשת משפטים- שקלים נישט ארויסצודרוקן דעם רבי'נס ליבט' אין ארץ ישראל.

מיר האפן זייער אז דער חשוב'ער ציבור- וועלכער האט א ווארימקייט צו מפיץ זיין דעם ליבט פון צדיק וועלן טרעפן אן עצה דורך תפלה, טירחה, ממון מיר זאלן ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש.